א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
נח

## • לימוד מפרשתנו

**צהר תעשה לתבה**

י"א חלון וי"א אבן טובה המאירה (רש"י)

ווען מ'ענדיגט די מגילה ליינט מען מיט א שיינע ניגון: וכל מעשה תקפו ופרשת גדולת מרדכי אשר גדלו המלך הלוא הם כתובים על ספר דברי הימים למלכי מדי ופרס. וואס איז דאס אזוי וויכטיג אז מ'דארף מיט דעם מאכן א סיום אויף די מגילה? האט איינער אמאל געזען די "דברי הימים למלכי מדי ופרס"?... האט געזאגט הרב יחזקאל אברמסקי זצ"ל אז מ'וויל דא מודיע זיין, טאמער מיינסטו אז די מגילה איז א שיינע "היסטארישע מעשה" וואס איז געשען א לאנגע צייט צוריק האסטו א גרויסע טעות, א היסטארישע מעשה קענסטו ליינען אין די library למלכי מדי ופרס (אדער אין די היינטיגע "כשר'ע" מאגאזינס)... די תורה איז נישט קיין story book. יעדע "מעשה" וואס שטייט איז א תורה איז א לימוד וואס איז **נוגע פאר אונז** אין אלע דורות.

דער אייבערשטער האט באפוילן נח צו מאכן א תיבה און אריינלייגן א באלייכטער פאר די תיבה. יעדער מענטש דארף זיך מאכן א אייגענע "תיבת נח", א אייגענע shelter צו זיך ראטעווען פון די מבול. תיבת נח מיינט זיך אפזונדערן פון די פראסטע/גויאישע וועלט-וואס איז disconnected פונעם אייבערשטן, און ווערן connected צום באשעפער. ס'איז דא א מבול אינדרויסן, יעדער איינער ווייסט עס ווייל מ'ווערט אביסל "נאס", מ'ווערט אביסל אנגעשפריצט פון די מבול וואסער... די תורה געבט א עצה וויאזוי מ'קען זיך א עצה געבן אין תיבה וואס פילט לכאורה טונקל'דיג אין פארמאכט... ס'איז דא 2 עצות ס'זאל זיין ליכטיג. איין פשט פון צוהר איז א שטיין וואס לייכט פון זיך אליינס. דאס מיינט אמאל איז דער מענטש פון זיך אליינס "לעכטיג", די הארץ איז אפען מ'שפירט א connection צום באשעפער, מ'איז בכח צו שיינען. אבער אמאל איז דא וואס ס'איז נישט לעכטיג פון זיך אליין, ס'שפירט זיך אביסל טונקל, דארף מען נוצן די אנדערע פשט פון רש"י: פענסטער. א פענסטער איז נישט ליכטיג פון זיך אליין אבער ס'איז אפען און ס'לאזט אריין די לעכטיגקייט פון די זון. ווען דער מענטש איז נישט אליינס "לעכטיג" קען מען האבן survived די מבול דורך ארייגלאזן איז זיך די לעכטיגקייט פון אנדערע, אויסהערן גוטע געדאנקען און חיזוק און אזוי בלייבט מען א צדיק לפני בדור הזה.

**מן הבהמה הטהורה ומן הבהמה אשר איננה טהורה**

לעולם אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו שהרי עקם הכתוב שמונה אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו (פסחים דף ג ע"א)

די גמרא זאגט אז די סיבה פארוואס ס'שטייט ***אשר איננה טהרה*** און נישט ומן הבהמה ***הטמאה*** וואס איז 8 איבריגע אותיות איז צו ווייזן אז מ'דארף רעדן איידל. אין די גאנצע תורה טרעפט מען די ווערטער "טמא" "שקץ" וכדומה, פארוואס פונקט דא וויל די תורה פלוצלינג ווייזן אז מ'דארף רעדן א ריינע איידעלע שפראך ? נאר ווען ס'קומט צו זיין אפגעזונדערט און מאכן א תיבת נח דארף מען געדענקן אז די שפראך האט א גרויסע כח אויפ'ן מענטש. כדי א מענטש זאל זיין protected פון די מבול דארף מען רעדן איידל און positive. (מ'רעדט נישט פון ניוול פה ח"ו נאר מ'רעדט פון כשר'ע דיבורים), די ווערטער וואס מ'זאגט ארויס האט א גרויסע כח אויף א מענטש און וואס מער מ'איז פארזיכטיג מיט די שפראך העלפט עס ארויס זאל זיך קענען האלטן נאנטער צום אייבערשטן.

**ויבא נח ובניו ואשתו ונשי בניו אתו אל התבה מפני מי המבול**

אף נח מקטני אמנה היה מאמין ואינו מאמין שיבא המבול ולא נכנס לתיבה עד שדחקוהו המים (רש"י)

**ויהי הגשם על הארץ ארבעים יום וארבעים לילה**

ולהלן הוא אומר ויהי המבול אלא כשהורידן הורידן ברחמים אם יחזרו יהיו גשמי ברכה וכשלא חזרו היו למבול (רש"י)

רש"י ברענגט אז נח איז געווען מקטני אמנה, פשוט פשט מיינט עס פון די "קליינע מאמינים". נח איז א נביא, ער רעדט מיטן אייבערשטער, דער אייבערשטער אליין האט עדות געזאגט אז נח איז א "צדיק". יעדער איינער פארשטייט אז די רש"י דארף א ביאור, וואס מיינט א "קליינער מאמין"? וואס מיינט מאמין ואינו מאמין? עפעס א צומישטער מענטש ח"ו ? זענען מסביר די חסידישע ספרים אז אמונה האט די כח פון ממשיך זיין (attraction). ווען א מענטש גלייבט אין עפעס האט ער די כח ס'זאל געשען. נח האט געוואוסט אז ער מוז גלייבן ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט אז ער ברענגט א מבול אבער ער האט נישט "געוואלט" גלייבן ווייל דאס ברענגט אז ס'זאל ממש געשען און ער האט רחמנות געהאט אויף די מענטשן. מ'זעט טאקע אז ער האט אויפגעטון ווייל אפילו נאך 120 יאר פון ווארענען און נאך א extension פון 7 טעג שבעה אויף מתושלח האט נאך אלץ נישט גערענגט גלייך די הייסע מבול וואסער נאר פיינע געהעריגע רעגן וואסער. דארף מען געדענקן וואס פאר א כח א מענטש האט מיט טראכטן גוטע געדאנקן, טראכט גוט וועט זיין גוט !

## • הלכה

**שאלה: וויאזוי איז א אויסגעהאלטענע וועג צו מאכן א קאווע אין שבת ?**

**תשובה:** קודם זאל מען ארייнלייגן די הייס וואסער אין די cup-יעצט ווערט די וואסער א כלי שני, נאכדעם זאל מען ארייнלייגן די קאווע-ווייל געווענליך איז קאווע שוין געקאכט ביי די קאמפאני, און נאכדעם די מילך. (עס זענען דא וואס פירן זיך איבערצוגיסן די וואסער אין נאך א cup ווייל די חיי אדם האלט אז א כלי שני איז אויך מבשל ) .

## • מעשה

**גמילות חסדים**

הרב יצחק זילבערשטיין שליט"א פארציילט: איין פרייטאג אינדערפרי האט א יונגערמאן וואס דאווענט אין די איינע פון די שטיבלאך אין בני ברק געדארפט וויכטיג בארגן געלט פאר א טאג צוויי. זייענדיג אין שול האט ער באמערקט אן אנדערער מתפלל מיט וועמען ס'קומט אים אויס אסאך מאל צו דאווענען אין די זעלבע מנין. למעשה קומט אים קיינמאל נישט אויס צו שמועסען מיט יענעם חוץ פון גריסן א גוט מארגן. ער האט אפילו נישט געוואוסט זיין נאמען. אבער ווען איינער איז געדריקט טוט מען וואס מ'קען, די ערגסטע וואס קען געשען איז א ניין.

דער איד איז צוגעגאנגען און געפרעגט צו ער קען אים בארגן 6000 שקל ביז זונטאג. דער יונגערמאן האט געטראכט אפאר מינוט און געענטפערט: יא. דער לוה האט אויסגעשריבן א שטר אין אונטערגעשריבן אז ער איז שולדיג 6000 שקל, ער האט נישט געוואוסט דער נאמען פונעם מלוה און ער האט זיך געשעמט צו פרעגן האט ער געלאזט ליידיג און נישט אריינגעשריבן דעם מלוה'ס נאמען.

זונטאג אינדערפרי האט דער לוה צוריקגעברענגט די געלט אין דער מלוה איז געווען זייער פרייליך, און ער האט אים פארציילט אז ער איז אוועקגעפארן אויף שבת אין ערגעץ אונטערוועגנס

האט ער פארלוירן זיין בערזל מיט אביסל געלט אין קרעדיט קארדס וכדומה, און ווען ער בארגט אים נישט די 6000 שקל וואלט ער דאס אויך פארלוירן!

מיינט איר אז דאס איז די סוף פון די מעשה? זונטאג נאכמיטאג באקומט דער לוה א קלינג אויפן טעלעפאן פון א פיינער איד וואס האט געטראפן א בערזל אויף א באס, דער איד וויל מקיים זיין מצוות השבת אבידה, אבער ס'איז נישטא אין די בערזל קיין נאמבער, אדרעס אדער א פולע נאמען, ס'האט אפאר הונדערט שקל, די איינציגסטע זאך וואס איז דארט איז א שטר חוב מיט די חתימה פון א לוה מיט זיין נאמען, טעלעפאן נאמבער און אדרעס ! פארשטייט זיך דער לוה האט גלייך געוואוסט ווי אהין צוטראגן דעם בערזל. נישט נאר האט די מצוה פון גמילות חסד אים געהאלפן ראטעווען די 6000 שקל, ס'האט אים אליין געהאלפן צוריק באקומען זיין בערזל, מ'ווייסט נישט וועמען מ'העלפט ווען מ'טוט א טובה פאר א צווייטען.

***א גוט שבת***